12 נעם דיין בעט און גיי אַהיים! און ער איז אויפֿ־
געשטאַנען, און האָט באַלד גענומען דאָס בעט און
איז אַרויסגעגאַנגען פֿאַר אַלעמען, אַזוי אַז אַלע
זענען געווען אויסער זיך פֿון דערשטוינונג, און
האָבן געלויבט ג־ט, אַזוי צו זאָגן: נאָך קיינמאָל
האָבן מיר אַזעלכעס נישט געזעען!
13 און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען צום ברעג
ים, און דער גאַנצער המון מענטשן איז געקומען
14 צו אים, און ער האָט זיי געלערנט. און פֿאַרביי־
גייענדיק האָט ער געזעען לוי בן חלפֿי זיצן אינם
שטייער־אַמט, און ער זאָגט צו אים: פֿאָלג מיר
נאָך! און ער איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אים
15 נאָכגעפֿאָלגט. און עס איז געשען, בשעת ער
(ישוע) איז געזעסן אין זיין (לוויס) הויז צום טיש,
און אַ סך שטייער־אויפֿמאַנער און חוטאים האָבן זיך
אַנידערגעזעצט מיט ישוען און מיט זיינע תלמידים;
וואָרום עס זענען געווען אַ סך, און זיי האָבן אים
16 נאָכגעפֿאָלגט. און די סופֿרים פֿון די פּרושים האָבן
געזעען, אַז ער עסט צוזאַמען מיט חוטאים און מיט
שטייער־אויפֿמאַנער, האָבן זיי געזאָגט צו די
תלמידים זיינע: פֿאַרוואָס עסט ער צוזאַמען מיט
17 די שטייער־אויפֿמאַנער און חוטאים? און ווען
ישוע האָט דאָס געהערט, זאָגט ער צו זיי: די
געזונטע האָבן נישט נייטיק קיין רופֿא, נאָר די,
וואָס זענען קראַנק: איך בין נישט געקומען רופֿן
צדיקים, נאָר חוטאים.
18 און יוחנן׳ס תלמידים און די פּרושים פֿלעגן
פֿאַסטן; און זיי קומען און זאָגן צו אים: פֿאַרוואָס
פֿאַסטן יוחנן׳ס תלמידים און די תלמידים פֿון די
19 פּרושים, און דיינע תלמידים פֿאַסטן נישט? און
ישוע האָט צו זיי געזאָגט: צי קענען דען די געסט